בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס נ"א, פרשת מקץ (חנוכה) תש"פ

# תוכן השיעור


"דער רבי וועט זיך אננעמען פאר 'זיך'!"

"ווי נעמט מען - מקרב זיין די גאנצע וועלט?!"

אשריך 'בעולם הזה'!

'סוף הכבוד לבוא'...

"וואלטסטו מקיים געווען די 'עקידה'!"

"א פלא - ער וויל נישט מיטנעמען דעם זון"...!

"פון דער אמת וועל איך נישט אראפ...!"

'כי בא, כי בא'...

'הלבנה' באתה בקובלנא לפני 'החמה'

'והיתה מפייסתה שתעשה לה מלבוש'

'אי אפשר לכוון מדתה'...

'זה בחמלת ה' עליו'!

'החייטים הקטנים יכוונו מדתה'...

'בקי בעייל - בקי בנפיק'

'אם יזכה שירגיש כאב חטאיו'...

'עי"ן פנים לתורה'


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 51


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת כי תצא (ב'), תשמ"א

(קול הנחל, טייפ מס' 47#)

## "דער רבי וועט זיך אננעמען פאר 'זיך'!"

(באמצע שיחה על אנ"ש מהדור הקודם, שעבדו את השי"ת במסירות נפש מתוך עניות ודחקות עצום, ע' סוף קונטרס "טעם זקנים" הקודם - מס' 50#)

(ר' יעקב דב ז"ל שואל אודות ר' בנימין פארבער ז"ל מבארדיטשוב), **יא יא, אה! דו ווייסט פון וועמען דו רעדסט?! איי איי, 'עובדי השם', אזעלכע 'עובדי השם'! דער 'בנימין פארבער', ער פלעגט זיך אריבערוואפן איבערן 'פארקן'** (גדר) **ביים בארדיטשובער רב'ס ציון אלע נאכט און אפרעכטן 'חצות'! אוי אוי אוי.**

**אוי האט ער געדאוונט, אוי האט געריסן שטיקער! אוי ווי געוואלד, אה, אה.**

(ר' יעקב דב ז"ל: יוחנן גלנט - בנו של ר' ברוך בארדיטשובער ז"ל - פלעגט דערציילן אז קודם האט ער געקרעכצעט אסאך -), **יא יא, און נאכדעם האט ער געגעבן א ווין ארוים![א]**

❖

**'יוחנן'** (גלנט ז"ל) **- ער איז שוין אויך עטליכע יאר** (שנסתלק לבית עולמו)**, ער פלעגט דערציילן ווי אזוי איז געווארן זיין טאטע מקורב:**

**'ברוך'** (בארדיטשוב'ער) **איידער ער איז געווארן מקורב איז ער געווען א 'ראחמיסטריווקער חסיד' - ער האט דאך טאקע געהייסן 'יוחנן'** (בנו הנ"ל)**. ער פלעגט דאווענען הויך - נאך איידער ער איז מקורב געווארן צו אונז.**

**פלעגט מען אים דארטן צושיקן צום עמוד, אין בארדיטשוב'ער רב'ס שול. אין בארדיטשוב איז געווען די שול פונעם בארדיטשוב'ער רב, פונקט אנטקעגן ברוך'ס**

---

[א] ע' חיי מוהר"ן אות תקי"א, וז"ל בהשתפכות הנפש אות כ"ג: **...וְאִם אֵינוֹ זוֹכֶה אָז לְדַבֵּר דִּבּוּרִים לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ מֵחֲמַת הִתְגַּבְּרוּת לִבּוֹ הָאֶבֶן, עַל כָּל פָּנִים יַרְגִּיל עַצְמוֹ לְהִתְאַנֵּחַ, וְלִגְנֹחַ גְּנִיחוֹת הַרְבֵּה תְּכוּפוֹת זֶה אַחַר זֶה, עַל שֶׁרָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְשֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. וּכְבָר מְבֹאָר בְּסִפְרוֹ הַקָּדוֹשׁ "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" כַּמָּה תּוֹרוֹת מַה שֶּׁיְּכוֹלִין לִזְכּוֹת עַל- יְדֵי אֲנָחָה דִּקְדֻשָּׁה, עַיֵּן שָׁם.**

שטוב. ברוך האט געוואוינט אין א קעלער, א 'קבר' געווען...! - פלעגט מען אים צושיקן צום עמוד אז ער זאל גיין דאווענען, ער האט געדאווענט הויך, גוט, פיין.

אבער אז ער איז געווארן א ברסלב'ער חסיד, האט מען אים נישט צוגעלאזט צום עמוד, "ער טויג שוין נישט פאר דעם!..."

דערציילט יוחנן, האט ער אמאל א זאג געגעבן צו זיי: "**וואס בין איך דען געווארן ערגער פון פריער?! פארוואס בין איך מער נישט מרוצה?! ווייל איך בין פון דעם רבי'ן! דער רבי וועט זיך אנעמען פאר 'זיך'!**". און זיי זענען אוועק מיט א 'מיתה חטופה' - די יונגעלייט וואס האבן אים נישט צוגעלאזט צום עמוד!

ער האט אזוי געזאגט: "איך בין דאך נישט געווארן ערגער פון פריער, פריער האט מען מיר געשטופט צום עמוד, און איצטער לאזט מען מיר נישט צו צום עמוד! פארוואס - נאר דערפאר ווייל איך בין ביים רבי'ן! וועט זיך דער רבי אנעמען! דער רבי וועט זיך אנעמען!".

(השואל: ער האט געזאגט "דער רבי וועט זיך אנעמען פאר מיר"?) ניין, דער רבי וועט זיך אנעמען פאר 'זיין' כבוד! נישט פאר 'מיר'! וואס עפעס פאר 'מיר'?!

"פארוואס לאזט מען מיר נישט צו צום עמוד? איז נאר דערפאר ווייל זיי זענען דעם רבי'ן מבזה!" זיי זענען נישט 'אים' מבזה, זיי זענען דאך מבזה 'דעם רבי'ן'! 'ער' איז דאך נישט געווארן ערגער פון פריער, נאר דערפאר ווייל ער איז 'מקורב' געווארן - זענען זיי דאך 'דעם רבי'ן' מבזה - "דער רבי וועט זיך אנעמען!".

❖

איי איי, ר' ברוך, ר' ברוך, האט ער געגעבן קולות, געוואלד געוואלד!

ער איז געווען אמאל אין אומאן, און פונקט געהאט יארצייט, איז ער נישט צוגעגאנגען צום עמוד, ער האט געקענט צוגיין צום עמוד? ער האט דאך געגעבן 'קולות', איז ער צוגעגאנגען נאר צו 'אשרי ובא לציון'! איך געדענק - האט ער אוועקגעלייגט א 'ובא לציון', "הוא יפתח לבנו בתורתו - ולעשות רצונו", געוואלד געוואלד!

אין אומאן זענען געווען 'עובדים'! ר' געצע איז געשטאנען "איך האב דאך אזעלכעס נישט געהערט! איך האב דאך אזעלכעס נישט געהערט!".

מען האט געזעהן דאס הארץ, "הוא יפתח לבנו בתורתו - ולעשות רצונו", אה, א געוואלד, א געוואלד ווי אזוי ער האט געקאכט! דאס איז 'הארץ', דאס איז 'הארץ'!!

אלץ געווען ר' אברהם ר' נחמן'ס תלמידים, אה.

❖

## "ווי נעמט מען - מקרב זיין די גאנצע וועלט?!"

(חוזר לענין סיפור התקרבותו של ר' ברוך כפי שסיפר בנו ר' יוחנן)

ר' ברוך איז געווען א ראחמיסטריווקער חסיד, אבער ער פלעגט אמאל אריין קומען צו אונז, רעדן אמאל, אזוי.

דעמאלט בשעתו, ער איז געקומען ר' אברהם ר' נחמן'ס, האט 'בנימין פארבער' געזאגט צו אים: "ברוך, קום דעם שבת! עס קומט איינער ביי אונז, א גרויסער מענטש, וועסט זיך מחיה זיין! וועסט האבן הנאה!".

נו, ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געקומען, נו האט ער 'גערעדט', נאכדעם איז מען ארויס 'טאנצן', איז ער - ברוך - געשטאנען פונדערווייטנס און ער האט געגאסן מיט טרערן! ער האט געוויינט אסאך!

איז צוגעגאנגען צו אים 'בנימין פארבער': דו דארפסט אזוי זאגן - "איך וועל שוין **אוודאי זיין א 'ברסלבער חסיד', נאר ווי נעמט מען מקרב זיין די גאנצע וועלט?!!!"**[ב]

דאס האט געזאגט בנימין ווען ער איז צוגעקומען צו ברוך'ן, און פון דעם שבת איז ער געווארן מקורב.

---

[ב] על פי מליצת לשון ספר סיפורי מעשיות - מעשה ז' מזבוב ועכביש: האט ער זיך מיישב גיווען, ער וועט שוין בוודאי זיין א יוד, נאר וואס טוט מען אז מען זאל די גאנצע וועלט מחזיר למוטב זיין, מען זאל זיי אלע ברענגען צום אמת.

['שמערל' (מאנ"ש בבארדיטשוב, ממקורבי ראבר"ן ז"ל וממעתיקי שמועותיו) **איז אין די לעצטע ציַיטן געווען אין גאליציע שוין, האב איך אים שוין נישט געטראפן אין בארדיטשוב. ער האט נאך געלעבט, אבער ער איז שוין געווען דעמאלט אין גאליציע].**

❖

(ר' יעקב דב ז"ל: 'יוחנן' פלעגט דערציילן אז ווען ער האט געלערנט לקוטי הלכות אין בית מדרש, האט ער געגאסן טייכן טרערן!) **אה אה אה!**

**ער איז געווען געשטעלט אויף צו אכטונג געבן אויף די 'עירובין', מען האט אים גערופן 'ברוך פון די עירובין'!**

**'בארדיטשוב' איז א גרויסע שטאט, איז ער ארומגעגאנגען אלע פרייטאג ארום און ארום - קוקן צו די 'עירובין' זענען גאנץ.**

**ס'איז געווען יענע 'פרנסה'... ער האט געשטעלט ערב כיפור א שיסעלע, און יעדער איינער האט אריינגעווארפן...**[ג]

**בארדיטשוב איז א גרויסע שטאט, אז מען לויפט ארום און ארום ווערט מען זייער פארמאטערט, איז ער אריינגעקומען פארנאכט, און זיך אנגעטוהן אויף שבת דעם בגד, און ער האט מיטגעדאווענט** (קבלת שבת)**, און נאך דעם וואס מען האט געענדיגט דאס דאווענען** (אין שול) **האט ער זיך געשטעלט דאווענען 'מעריב' - אזוי האט מיר דערציילט יוחנן.**

**'קבלת שבת' האט ער געדאווענט מיט'ן עולם - 'מעריב' האט ער געווארט ביז מען האט אפגעדאווענט, נאכדעם האט ער זיך געשטעלט דאווענען מעריב,** (כי היה מאריך בתפלתו בקולות ובהתלהבות).

❖

[ג] עי' קונטרס טעם זקנים 23 פרשת כי תשא תשל"ד, בענין המנהג של צדקה בעריוכ"פ.

# אשריך 'בעולם הזה'!

(ר' יעקב דב ז"ל: 'יוחנן' אלס אינגל פלעגט ער צוגיין צום טאטן - "דו דאוונסט אזא דאוועגען - וואו זענען דיינע ישועות"?! האט ער געענטפערט: "**דאס איז מיין גרעסטע 'ישועה' - אז איך בין זוכה צו דאוועגען אין דעם עולם!**").[ד]

די מוטער פון יוחנן - ר' ברוך פלעגט אפילו נישט אזוי צוגיין רעדן מיט איר, און יוחנן איז געווען דער 'מתווך', פלעגט זי אים שיקן, "זאג דעם טאטן, מיר האבן דאך נישט וואס צו עסן??!"

איז ער געווען דער שליח, "טאטע, די מאמע זאגט - מיר האבן דאך נישט וואס צו עסן!".

(ענה לו) "יוחנן, וואס זאל איך טוהן? איך קען נישט גיין אינדרויסן! איך קען נישט גיין אינדרויסן! איך קען נישט!!".

❖

(השואל: 'ר' ברוך בארדיטשובער' איז געווען א קאצק'ער פריער?) ער איז געווען א ראחמיסטריווקער, (השואל: 'ר' ברוך געצע'ס' איז געווען א קאצק'ער?) 'זיין טאטע' איז געווען פון קאצק! 'ברוך' (געצע'ס) האט געהאט אין זיך דער געשטעל פון קאצק, שארף, שארף!

יעדער איינער איז געווען א 'אבן טוב'.

ער איז געווען אביסל שארף, אבער א געוואלדיגער כח האט ער געהאט אין זיך, אה, א 'כח הדיבור' געהאט, א כח - צוגעצויגן, מען האט גערעדט מיט אים האט מען נישט געקענט אוועקגיין...

---

[ד] עי' ליקוטי הלכות ראש חודש ו' אות י"א: ... **וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים ח"ו לֹא יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ כִּי זְמַנִּין דִּשְׁמַע זִימְנִין דְּלָא שְׁמַע, עַל כָּל פָּנִים הָרְוִיחַ שֶׁקֵּרֵב עַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי זֶה, כִּי אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיְּקָרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פ"ד דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וְכוּ'.** ועי' חיי מוהר"ן אות תקנ"א בענין "זמנין דלא שמע", ועי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ב' אות א'.

אמאל פרייטאג צונאכטס, א גאנצע נאכט האט ער מיר אפגעהאלטן און גערעדט! ביי אים פלעגט זיין א גרויסע קאכער מיט טיי, בין איך צוגעגאנגען דארט טרינקען א גלאז טיי - פרייטאג צו נאכטס, האט ער מיר אפגעהאלטן מיט'ן רעדן ביז ס'איז געווארן טאג! א גאנצע נאכט נישט אפגעלאזט, אה.

**היוצא לנו מזה, וואס ווערט דא דער 'פועל יוצא'? "'געלט' איז 'גארנישט' און מען קען עס נישט באקומען - 'תורה ותפילה' איז 'יא' און מען קען דאס באקומען!".[ה]**

❖

(א' הנוכחים מזכיר את הסיפור שפעם אחת כשהגישה לו אשתו של ר' ברוך בארדיטשובער 'תפוחי אדמה' מבושלים לאכול, כי לא היה לה שום דבר אחר מה לבשל, ניחמה ואמר לה: "ראי ברוך-השם, לנו טוב, יש לנו תפוחי אדמה לאכול ואחר כך יכול אני לנוח במנוחת הנפש, אבל פלוני העשיר הוא מסכן, שמרוב נכסיו וממונו אין לו מנוחה אפילו במשכבו, לרוב טרדותיו ודאגותיו"... - עי' שיש"ק).

**אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט נאר דעם געדאנק פון 'עלמא דאתי', און מען איז דבוק אין דעם, איז טאקע 'אשרי לו ואשרי חלקו'!**

**אין די 'דאגות פון די וועלט' קען מען נישט האבן קיין שום 'אשריך',[ו] עפעס א 'גוטע זאך' קען מען נישט בשום אופן האבן, סיידן אז דער אויבערשטער העלפט געדענקען פון 'עלמא דאתי', און מען ליגט דערינען, האט ער א 'חיות', פילט ער א 'חיות', א 'חיות' וואס איז נישט מלובש אין קיין שום זאך וואס ס'זאל אים שטערן! א 'חיות' צום אויבערשטן!**

---

[ה] עפ"י דיבורו של מוהרנ"ת עי' אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרבי נחמן טולטשינער ז"ל: אַחֲרֵי שִׂיחָה אֲרֻכָּה שֶׁל מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוֹדוֹת הַתַּכְלִית, אָמַר הַמַּסְקָנָא "דִּיא וֶועלְט אִיז 'נִישְׁט' אוּן מֶען קֶען זִיא נִיט בֶּעקוּמֶען. תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה אִיז 'יָאה' אוּן מֶען קֶען דָּאס יָאה בֶּעקִימֶען!". (הָעוֹלָם הַזֶּה הוּא לֹא, וְאִי אֶפְשָׁר לְקַבְּלוֹ, תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה זֶה כֵּן וְאֶפְשָׁר כֵּן לְקַבְּלוֹ). וְזֹאת שָׁמַע הָר' נַחְמָן הַנַּ"ל בִּהְיוֹתוֹ נַעַר, וְנִתְפַּעֵל מִזֹּאת הַמַּסְקָנָא, עַד שֶׁאֶצְלוֹ נַעֲשָׂה מַסְקָנָא לִהְיוֹת תָּמִיד דָּבוּק וּמְקֹרָב לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל.

[ו] עי' שיחות הר"ן אות ש"ח באריכות, ושם באמצע דבריו: ...עַל כֵּן בָּעוֹלָם הַזֶּה "אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה" לִחְיוֹת בְּנַחַת, כִּי אִם כְּשֶׁמִּתְרַצֶּה בֶּאֱמֶת לְהִסְתַּפֵּק בְּתַכְלִית הַמִּעוּט וְלִחְיוֹת חַיֵּי צַעַר, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ שָׁם בַּמִּשְׁנָה הַנַּ"ל: פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכַל וְכוּ', שֶׁאָז דַּיְקָא כְּשֶׁמְּקַבֵּל עַל עַצְמוֹ כָּל הַדְּחָקוֹת וְחַיֵּי צַעַר וְלִסְבֹּל הַכֹּל וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם: וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל, אָז דַּיְקָא יֵשׁ לוֹ חִיּוּת גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְאַשְׁרֵי לוֹ גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם אִם אַתָּה עוֹשֶׂה כֵּן אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה...

און אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אזא מין 'חלק שני' (אשה כשרה), וואס זי פארשטייט דאס אויך, כאטש זי פילט נישט, זי קען דאך נישט פילן דאס חיות, אבער אז זי פארשטייט אויך אז 'דער מאן' איז אזא מין 'מאן' וואס האט אזא מין 'חיות' - איז גוט, דעמאלט איז אים גוט!

❖

# 'סוף הכבוד לבוא'...

(ר' יעקב דב: ר' אברהם ז"ל פלעגט זאגן 'זָכָה' - אז ער איז א זכה - 'נעשית לו עזר'!) ניין, דאס האט 'רבי נתן' געזאגט!

רבי נתן האט אזוי געזאגט, פארוואס שטייט "נעשית"? ר' נתן האט אזוי געזאגט - קעגן 'זיך' און קעגן 'ר' ליפא'ן', ר' ליפא האט געשטאמט פון חסידים, ר' נתן האט געשטאמט פון מתנגדים, און ביי ר' ליפא'ן איז זי (שפעטער) געווארן א גרויסע מתנגדת אויף אים, און ביי ר' נתן'ען - צום סוף איז זי גאר געווארן א 'עזר'!

'זכה' - ווערט זי א 'עזר', כאטש 'זי אליין' איז געווען פריער נישט קיין עזר, 'לא זכה' - ווערט זי א 'כנגדו'! - קעגן זיך און קעגן ר' ליפא'ן, אזוי האט רבי נתן געזאגט![ז]

❖

דער 'פאטער' האט דאך אים פריער גע'רודפ'ט - ר' נתן'ען, צום סוף האט דער פאטער געהאט אזא מין כבוד! דער פאטער פלעגט אים רופן מיט'ן רי"ש - "ר' נתן"!

א מכתב איז דא - שרייבט ר' נתן - "דער טאטע איז דא ביי מיר, דער אויבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל קענען מקיים זיין 'כיבוד אב'!" - א מכתב אין די "צדיק'ן" (בשנות תק"צ).[ח]

---

[ז] עי' כל הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל' (ב').

[ח] עי' מכתב ל"א: ...כְּבוֹד אָבִי נֵרוֹ יָאִיר הוּא אֶצְלִי מִיּוֹם א' עַד הַיּוֹם, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לְקַיֵּם כִּבּוּד אָב בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי, וּבְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה...

'סוף הכבוד לבא'![ט] אמאל איז דער 'סוף' שפעטער - אמאל איז דער סוף 'לאחר הסתלקות' - דעמאלט איז דער 'סוף'!

❖

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה ו' - 'קרא את יהושע': "כבוד אלקים הסתר דבר - - אסור לחקור על הכבוד הזה", מען טאר נישט קריגן אויף אזא מין כבוד! 'אסור', 'הסתר דבר', מען טאר נישט קריגן![י]

דער וואס איז זוכה צו 'כבוד אלקים', זיין כבוד איז נאר 'אלקים' - 'אלקות', נישט פאר 'זיך אליין', טאר מען נישט קריגן אויף אזא מין כבוד, 'אסור'!

אז 'כבוד מלכים' - זיין כבוד מלכים נעמט ער אויף 'זיך', איז 'חקור דבר', 'הכל חוקרים אחריו, מי הוא זה ואיזהו שחולקים לו כבוד הזה'.

דער עיקר איז דאך 'דארטן' (בעולם העליון), 'הכל חוקרים אחריו' - דער עיקר איז 'דארטן'! 'דא' איז מהיכי תיתי... אז 'דארטן' איז דא מקטרגים אויף אים: "וואס קומט אים דער כבוד'?!" - 'הכל חוקרים אחריו' - "וואס קומט אים דער כבוד - פארוואס?!".

אויב 'כבוד אלקים' איז 'אסור לחקור' - איז דער עיקר 'דארטן', 'דארטן'!

(ר' יעקב דב: דער עיקר איז די 'בני אדם' - 'ואז אין בני אדם חוקרים על כבודו', אז מען האט געקריגט אויפ'ן רבי'ן, מיט די אנדערע צדיקים, זענען זיי נישט בכלל 'בני אדם'! די 'בני אדם' קריגן נישט...)

'כבוד אלקים' מיינט - אז דער כבוד זיינער איז נאר 'אלקים', ער גיבט איבער דעם אויבערשטן דעם כבוד, זיין כבוד איז 'כבוד אלקים', ס'איז נישט 'זיין' כבוד! - איז טאר מען נישט קריגן אויף דעם כבוד.

---

[ט] עפ"י לשון גמ' נדרים דף ס"ב ע"א.

[י] שם באות א': כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּלְהַרְבּוֹת בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם, כִּי מִי שֶׁרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד אֵינוֹ זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים אֶלָּא לְכָבוֹד שֶׁל מְלָכִים, שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ: "כְּבֹד מְלָכִים חֲקֹר דָּבָר", וְהַכֹּל חוֹקְרִים אַחֲרָיו וְשׁוֹאֲלִים: מִי הוּא זֶה וְאֵיזֶהוּ שֶׁחוֹלְקִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה, וְחוֹלְקִים עָלָיו שֶׁאוֹמְרִים שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לַכָּבוֹד הַזֶּה. אֲבָל מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד שֶׁמְּמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּמַרְבֶּה בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם, אֲזַי הוּא זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים, וְאָז אֵין בְּנֵי־אָדָם חוֹקְרִים עַל כְּבוֹדוֹ אִם הוּא רָאוּי אִם לָאו, וְעָלָיו נֶאֱמַר: "כְּבֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", כִּי אָסוּר לַחֲקֹר עַל הַכָּבוֹד הַזֶּה.

'כבוד מלכים' איז - אז ער נעמט פאר זיך אליין, 'כבוד מלכים'!

(השואל: אונזערע לייט טייטשן דאס? אז 'הכל חוקרים' מיינט מען למעלה אויך?) יא יא, דער עיקר איז למעלה! ווארום דא אז מען קריגט, נו קריגט מען! אבער אז אויבן איז מען מקטרג אויף אים, "ווער איז ער? פארוואס קומט אים דער כבוד?!" דאס איז דער עיקר!

(ר' אברהם ויצהנדלר ז"ל: 'הכל' חוקרים אחריו - איז דאך אלע?!) טאקע אזוי, 'דא', 'דארטן'!

❖

# "וואלטסטו מקיים געווען די 'עקידה'!"

(השואל: וועלכער יאר איז געווען וואס 'ברוך' האט נישט געלאזט זיין זון 'יוחנן' פארן אויף ראש השנה?) דאס איז געווען אין די יארן פון די מלחמה, דאס איז געווען תרע"ו. תרע"ז האט מען שוין גע'הרג'עט ניקאליי'ען, איז שוין געווען גרינגער.

דער ערשטער ראש השנה מיינער איז געווען תרע"ה, איך בין געקומען אלול תרע"ד (אויף אומאן), תרע"ה איז ער יא געווען (יוחנן), אבער תרע"ו איז שוין געווען א געוואלדיגע פייער.

מען האט גענומען אין די מלחמה (אנשים לצבא), די מלחמה איז געווען, און יוחנן איז געווען שייכות צו די מלחמה, און מען האט אים געזוכט, מען האט גענומען אין די צבא, און אז מען האט גענומען אין די צבא, איז מען געווען 'ניין און ניינציג פראצענט' א גע'הרג'עטער!

ער האט געמאכט א ארמיי - דער ניקאליי - פון צוואנציג מיליאן מענטשן, ער האט גענומען - ער האט נישט געקוקט אויף קיין רבי'ס, ראשי ישיבות, פון 'אכצן' ביז 'פיר און פופציג', ס'איז נישט שייך געווען מען זאל זיך ארויסדרייען!

ס'איז געווען דעמאלט אזעלכע 'צער גידול בנים', ס'האט זיך געטוהן דעמאלט א געוואלד, א געוואלד האט זיך געטוהן.

און זיי האבן געוואוסט אז ער פארבאהאלט זיך אויס, און יוחנן האט געוואלט קומען אויף ראש השנה, זיין טאטע האט אים נישט געלאזט! 'ער' האט געוואלט, אבער דער טאטע האט אים נישט געלאזט!

און אז ער איז נאר אריין געקומען אין שול אריין (- ר' ברוך באַרדיטשובער), איז צוגעגאנגען צו אים ר' אברהם ר' נחמן'ס: "וואו איז יוחנן"? האט ער אים געזאגט, "ער האט געוואלט, נאר איך האב אים נישט (- געוואלט לאזן קומען)!".

האט אים ר' אברהם געזאגט: **"ווען דו וואלסט ווען אים ברענגען, וואלטסטו מקיים געווען די עקידה!!!"**.

נו נו נו, האט שוין ר' ברוך אנגעהויבן צו גיסן טרערן! ר' אברהם האט נאר געזאגט דעם ווארט - האט ער שוין געהאט זיינס!

"אבידה שאינה חוזרת"![יא]

יוחנן, אז ער איז געווען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, האט מען דערקענט אז יוחנן איז געווען! דער 'ציון' איז געווארן פול מיט טרערן, "איי, יוחנן איז שוין געווען אויפ'ן ציון!". אזא 'בעל בכי' ווי ער איז געווען, נעבאך א צובראכענער מענטש געווען!

❖

# "א פלא - ער וויל נישט מיטנעמען דעם זון"...!

(אחד מהנוכחים: דער רבי האט דאך שוין געזאגט: "מיין זאך איז א פלא, א טאטע פארט צו מיר" - - - ) דאס איז געווען ביי ר' יודל'ען!

ר' יודל איז געפארן דעמאלט פון מעדוועדיווקע, און דער זון זיינער איז געווען ר' ישעי' שלום, ער האט געוואלט פארן, אבער ער האט אים נישט מיטגענומען, ער איז געווען א ארימאן האט ער אים נישט מיטגענומען.

ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, זאגט אים דער רבי: **"מיין זאך איז א פלא, א טאטע פארט - גלויבט ער דאך אין מיר - דער זון וויל פארן, וויל ער אים נישט מיטנעמען!"**.

דער רבי האט אים שוין באצאלט...

---

[יא] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, סי' שס"ב; לֹא יָכֹלְתִּי לְהִתְאַפֵּק מֵעֹצֶם אַהֲבָתְךָ לְחַזֶּקְךָ וּלְזָרֶזְךָ שֶׁלֹּא יִהְיוּ לְךָ שׁוּם סְפֵקוֹת חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבְּךָ בְּעִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וכו', אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה בְּנִי הִזָּהֵר וְהִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִּהְיֶה חַס וְשָׁלוֹם בִּכְלַל חֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (חֲגִיגָה ו:) זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו וְכוּ', בִּפְרָט לְעֵסֶק קָדוֹשׁ וְנוֹרָא כָּזֶה...

דער רבי האט זייער געהאלטן פון ר' ישעי' שלום'ען, דער רבי האט געזאגט אויף אים גרויסע שבחים![יב]

ר' ישעי' שלום האט געהאט א זון 'ר' יחיאל מענדל', דער וואס ער האט געמאכט די 'מפתחות',[יג] און 'ר' זלמן' דער רב פון מעדוועדיווקע, און נאך א זון 'ר' יונה', האט ער געהאט די דריי זון!

'ר' דוד צבי' איז געווען ר' יונה'ס א זון - 'ר' דוד צבי דאשיוואסקע' (מזקני חשובי אנ"ש באומאן).

(השואל: פארוואס האט אים ר' יודל נישט מיטגענומען?) פארוואס?! ווייל ער איז געווען אן ארימאן! (השואל: א 'רבי' - אן 'ארימאן'?) ר' יודל איז געווען אן ארימאן! ער איז דען געווען א 'רבי'?! ער איז געווען אין זיין שטעטל דארטן, פלעגן פארן צו אים יונגעלייט דארטן!

'פריער' איז ער געווען א רבי, איידער ער איז מקורב געווארן - נאך די הסתלקות פון 'רבי פנחס קאריצער' - איז ער געווארן א רבי אין 'דאשיב', א שיינער רבי איז ער געווען!

'ר' שמואל אייזיק' איז געווען זיינער א חסיד, און 'ר' בער',[יד] ער האט געהאט 'שיינע חסידים'!

ער אליין איז געווען א תלמיד פון רבי פנחס קאריצער, און רבי לייב טראסטינעצער'ס אן איידעם! ער האט געהאט מיט וואס צו זיין א 'רבי'!

אז ער איז געווען א רבי - האט ער שוין געהאט דארטן א שטיקל 'מעמדות'. אבער אז ער איז געווארן א 'ברסלב'ער חסיד', איז ער געווארן 'אוים רבי'!

אוי אוי אוי, דאס קען מען גארנישט פארשטיין די זאך!

❖

[יב] עי' שיש"ק ח"ב אות ר"ח.

[יג] רצ"ל המפתחות מספרי ליקוטי הלכות, מסודרים עפ"י התורות שבספר ליקוטי מוהר"ן, הנדפס בסוף ליקוטי מוהר"ן, ובליקוטי מוהר"ן דפוס ארה"ב תשכ"ה מצורף שם גם הקדמה קצרה ממנו. כמו כן חיבר קונטרס 'שיר ידידות' על גדולת רביה"ק ז"ל.

[יד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ט - כ"ב.

# "פון דער אמת וועל איך נישט אראפ...!"

נאך א גרעסערער 'פלא': לויט דעם חשבון קומט אויס, אז בשעת דער 'טירהאוויצער מגיד' איז געווארן מקורב צום רבי'ן, איז ער אלט געווען 'זיבעציג יאר'![טו]

ער איז דאך געווען א 'בן תשעים' ווען ער איז נפטר געווארן, און ער איז נפטר געווארן אין איין יאר מיט'ן רבי'ן - שנת תקע"א, און א טייל זאגן אז ער איז נפטר געווארן דעם 'אנדערן יאר' - אבער נישט מער, און ער איז דאן אלט געווען נײַנציג יאר, און צום רבי'ן איז ער מקורב געווארן אין די נונ'ען יארן (בשנות תק"ן).

'א איד פון זיבעציג יאר' געווען שוין, אזא מין צדיק, און מקורב געווארן צום רבי'ן - ווען דער רבי איז געווען ביים אנהויב - ארויסקומענדיג צו מעדוועדיווקע (בתחלת פרסומו).

מערסטנס איז דער רבי אלט געווען דעמאלט אכצן יאר - נײַנצן - צוואנציג! אין די יארן שוין - א יונגערמאן פון 'צוואנציג יאר', און 'ער' איז שוין אלט געווען 'זיבעציג יאר', און ער איז געווען ביי די אלע גדולים, אלע.[טז]

גיבט ער א זאג צום רבי'ן: **"איר פארבאהאלט זיך פאר די גאנצע וועלט, און פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן! מען שיסט מיך און מען ראנעט מיך, צושאסן זאל איך ווערן - און פון דער אמת וועל איך נישט אראפ!".**[יז]

דאס איז דאך א געוואלדיגער חידוש, א געוואלדיגער חידוש, א איד פון זיבעציג יאר, א צדיק פון זיבעציג יאר, און ער איז געווען בי די אלע גדולים, - ער איז אלט געווען 'פערציג יאר' ווען דער בעל שם איז נסתלק געווארן, געווים איז ער געווען ביים בעל שם הקדוש.

---

[טו] ע' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ד: הָרַב הַצַּדִּיק רַבִּי יְקוּתִיאֵל הַמַּגִּיד מִטִּירְהָאוִויצָא זְצוּקַ"ל הוּא אֲשֶׁר זָכָה בְּיוֹתֵר מִכָּל הַמְפֻרְסָמִים שֶׁבְּדוֹרוֹ לְהַכְנִיעַ אֶת עַצְמוֹ תַּחַת אַדְמוֹ"ר זַ"ל, וְלַעֲמֹד לִפְנֵי הַדְרַת קָדְשָׁתוֹ בְּאֵימָה וָפַחַד, וְגַם הַרְבֵּה מֵאַנְשֵׁי מְקֹרָבָיו וְיוֹצְאֵי חֲלָצָיו נִתְקָרְבוּ עַל יָדוֹ לַאַדְמוֹ"ר זַ"ל...

[טז] ע' חיי מוהר"ן אות תר"ז.

[יז] ע' שיח שרפי קודש ח"ו אות נ"ד.

קיין סאך ווייסט מען נישט פון אים, אבער מען ווייסט דאך אז ער איז געווען אין די יארן - אז ער איז געווען פערציג יאר ווען דער בעל שם איז נסתלק געווארן, איז ער געווים געווען ביים בעל שם, ער איז געווים געווען ביים מגיד, מען ווייסט נישט (בוודאות), די אלע זאכן ווייסט מען נישט.

א מענטש זאל זאגן צו א יונגערמאן פון צוואנציג יאר, "איר פארבאהאלט זיך פאר די גאנצע וועלט, און פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן!", - ער האט שוין געזעהן אז דער רבי פארבאהאלט זיך - "איר וועט זיך פאר מיר זיך נישט באהאלטן!".

"מען שיסט מיך, מען ראנעט מיך" - 'מען ראנעט מיך' מיינט: מען מאכט מיר דארטן אנדערע מיני פצעים.

וואס הייסט "מען שיסט מיך, מען ראנעט מיך"? ער האט געוואוסט אז ס'וועט זיין אויף אים התנגדות, חולקים!

טאקע, אזא רבי נחום טשערנאבילער, זיי זענען געווען צוויי חברים, צוויי צדיקים - גדולים, גייט ער און נעמט א 'יונגערמאן', 'וואס האסטו מיט דעם יונגערמאן'? ס'איז דאך פול געווען מיט גדולים אין דער וועלט! - דאס הייסט: 'מען שיסט מיך און מען ראנעט מיך'!

"צושאסן זאל איך ווערן, און פון דעם אמת וועל איך נישט אראפ!"

דאס איז דער רבי! דאס איז דער רבי!

ער האט געזעהן די תורה פון "אמור אל הכהנים" (תו' ב') האט ער געזעהן 'בכתב' ביים רבי'ן, האט ער געזאגט: "וואס זאל איך זאגן? ס'איז זוהר? תיקונים? ס'איז העכער פון זוהר! ס'איז העכער פון תיקונים!".[יח]

אזוי האט ער געזאגט אויף די תורה "אמור אל הכהנים".

❖

[יח] עי' פרפראות לחכמה סי' ט"ו אות ז': ושמענו בשם הרב הקדוש וכו' מוהר"ר יקותיאל ז"ל הרב המגיד מטיראוויציא שראה פעם אחת את המאמר הזה (תו' ב'), ועיין בו כמה פעמים כסדר זה אחר זה כשהיה בכתובים עדיין, והפליג מאוד בשבחיו, וכמדומה שאמר עליו שהוא כמו זוהר ותיקוני זוהר הקדוש וכו' וכו'. ועי' מזה בקונטרס 'טעם זקנים' 14 - פרשת נשא תשל"ד.

(השואל: מען ווייסט ווען דער רבי האט געזאגט תורה ב'?) **תורה ב' איז געזאגט געווארן אין 'זלאטיפאליע', נאך ארץ ישראל.**

**ביז תורה ה' איז געזאגט געווארן איידער דער רבי איז געקומען קיין ברסלב, תורה ד' איז אויך געווען אין מעדוועדיווקע.**

**כמעט דער גאנצער ליקוטי מוהר"ן וואס איז אפגעדרוקט, כמעט אלע תורות, איז פון נאך ארץ ישראל, חוץ פון תורה ע"ג דארטן, איז עטליכע שיחות פון פאר ארץ ישראל, אבער כמעט דער גאנצער ליקוטי מוהר"ן רובו ככולו איז פון נאך ארץ ישראל.**[יט]

**תקנ"ח איז דער רבי געווען אין ארץ ישראל, קיין זלאטיפאליע איז דער רבי ארויס שנת תק"ס אלול, און ער איז געקומען קיין ברסלב תקס"ב אלול.**

**אין תק"ס איז געווען די חתונה פון אדל'ען - דעם רבי'נס טאכטער - אין חמעלניק, די חתונה איז אויך געווען 'אלול'.**

**נאך די חתונה איז ער נישט אוועקגעפארן אהיים קריק** (למעדוועדיווקע)**, און ער איז אריין גלייך אין זלאטיפאליע אלול, ער האט קיינעם נישט געפרעגט און ער איז אריין, גלייך פון די חתונה!**

**דער טירהאוויצער מגיד - זיין מגידות איז געווען אין זלאטיפאליע אויך, האט ער געזאגט טאקע: "ווען איר וואלט ווען מיר געזאגט, וואלט דאך געווען** (היה משתדל שיקבלוהו בכבוד הראוי) **!". (אבער דער רבי האט געזאגט:) "איך קען נישט ווארטן!".**[כ]

❖

# 'כי בא, כי בא'...

**היינט איז שוין עלעף טאג אין אלול, 'עלעף טאג אין אלול', ס'איז שוין אוועקגעגאנגען מער ווי א דריטל חודש, אלול, ימי רצון!**

---

[יט] עי' הקדמת ליקוטי מוהר"ן.

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות קי"ד.

רבי נתן האט געזאגט: **"כי בא, כי בא - אט קומט ער אן, אט קומט ער אן - דער יום הדין!".**

צוויי מאל, 'כי בא', **"כי בא, כי בא לשפוט הארץ - אט קומט ער אן, אט קומט ער אן, דער יום הדין!".**

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

**"לא נתקררה דעתו אלא בחוה"** - זאגט דער רבי - נאר דורך'ן 'דיבור', זיך אפקילן איז נאר דורכן 'דיבור'![כא]

❖ ❖ ❖

# 'הלבנה' באתה בקובלנא לפני 'החמה'

(מתוך שיעור בחיי מוהר"ן עבודת השם ל"ה - סי' תפ"א) **הַלְּבָנָה בָּאֲתָה בְּקֻבְלָנָא לִפְנֵי הַחַמָּה, כַּאֲשֶׁר שֶׁהַחַמָּה מְשַׁמֶּשֶׁת עִקָּרָהּ בַּיּוֹם וּבִימוֹת הַחַמָּה, וְהִיא צְרִיכָה לְשַׁמֵּשׁ בַּחֹרֶף, וּבַלֵּילוֹת הָאֲרֻכִּים וּבַקֹּר.**

**וְהָיְתָה הַחַמָּה מְפַיֶּסְתָּה שֶׁתַּעֲשֶׂה לָהּ מַלְבּוּשׁ, וְקָרְאוּ לְכָל הַחַיָּטִים ב"ג** (ר' אברהם ויצהנדלר ז"ל: מען זאגט 'בולשבוי גלאוונא', דאס איז 'גוטע חייטים' אויף רוסיש. ורלוי"צ מתמיה ע"ז), **רצ"ל 'גְּדוֹלִים וַחֲשׁוּבִים', לַעֲשׂוֹת לָהּ מַלְבּוּשׁ. וְרָצוּ גַּם הַחַיָּטִים הַקְּטַנִּים לֵילֵךְ, וְאָמְרוּ, מֵאַחַר שֶׁאֵין קוֹרְאִין אוֹתָנוּ אֵין לָנוּ לֵילֵךְ, וּבָאוּ הַחַיָּטִים הַנַּ"ל, וְהֵשִׁיבוּ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִקַּח לָהּ מַלְבּוּשׁ, כִּי הִיא לִפְעָמִים קְטַנָּה וְלִפְעָמִים גְּדוֹלָה, עַל־כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְכַוֵּן מִדָּתָהּ.**

**וּבָאוּ הַחַיָּטִים הַקְּטַנִּים, וְאָמְרוּ שֶׁהֵם יְכַוְּנוּ מִדָּתָהּ וְיַעֲשׂוּ הַמַּלְבּוּשׁ, הֵשִׁיבוּ לָהֶם, אִם הַחַיָּטִים הַגְּדוֹלִים אֵין יְכוֹלִים, אֵיךְ תּוּכְלוּ אַתֶּם.**

דאס איז דאך אזא פארהוילענע זאך, דער רבי רעדט דא פון די 'לבנה' און פון די 'חמה'.

[כא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ט אות ה': **כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שְׁלֵמוּת לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, מְקָרֵר אֶת חֲמִימוּתוֹ בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ... בִּבְחִינַת: "זֹאת הַפַּעַם עֶצֶם מֵעֲצָמַי", 'מִכָּאן שֶׁנִּתְקָרְרָה דַעְתּוֹ בְּחַוָּה'.**

נאר פונדעסוועגן, אביסל קען מען דא רעדן אזוי: מען ווייסט דאך אז די גרויסע עובדי השם, די תלמידי הבעל שם, די אלע גדולים, איז דער עיקר עבודה זייערע געווען 'ווינטער', 'די גרויסע נעכט'.[כב]

עס ווערט אנגערופן טאקע,[כג] 'קיץ וחורף - יום ולילה', 'קיץ' הייסט 'יום', ווייל עס איז א גרויסער טאג, 'חורף' הייסט 'לילה'.

זעהט מען דאך אז דער עיקר עבודה איז געווען טאקע ווינטער, מען האט עס אנגערופן "די גילדענע נעכט"![כד]

❖

# 'והיתה מפייסתה שתעשה לה מלבוש'

"איז די 'לבנה' געקומען צו די 'חמה'"; די 'לבנה' מיט די 'חמה' - איז דער ענין פון דער 'צדיק' מיט'ן 'תלמיד'.[כה]

און וויבאלד זיי ווערן נאר מקורב, ווייסן זיי דאך שוין אז דער עיקר עבודה איז ווינטער, די גרויסע נעכט וואס מען דארף גיין אינדרויסן און ס'איז קאלט, רעדן זיי צו די 'חמה': "וואס זאלן זיי טוהן?"

זיי ווייסן אז די 'חמה אליין' זאגט אזוי - אז דער עיקר עבודה איז אין די קעלט, אין די גרויסע קעלטן, אין די גרויסע נעכט, איז "וואס זאלן זיי טוהן?!"

אין 'אומאן' איז געווען די וואס זיי האבן געוואלט גיין אינדרויסן, איז געווען איינער[כו] וואס ער האט זיי צוגעגרייט מלבושים, ער האט זיי געגעבן גרויסע שיך דארטן, א זאך צו ווארעמען די פיס, גרויסע פעלצן, און גרויסע הוטן, דאס האט ער זיי צוגעגרייט, דאס איז א גשמיות'דיגע זאך.

[כב] שיחות הר"ן סי' ש"א: "שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר שֶׁעִקָּר עֲבוֹדַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא בַּחֹרֶף לָקוּם בַּחֲצוֹת לַיְלָה וכו'".

[כג] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה' אות ט'.

[כד] מאמר רבי פנחס קאריצער זצ"ל, מוזכר בשיחות רלוי"צ ז"ל כמה פעמים.

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ה', ותו' קנ"ג.

[כו] ה"ה ר' דוד הייסינער ז"ל, עי' קונטרס טעם זקנים 24.

אז א מענטש גייט ארוים אין פעלד אריין ווינטער, ווען ס'איז דא גרויסע פרעסטן, מוז מען אים געבן א גוטן מלבוש, גוטע שיך, א גוטן מלבוש אז ער זאל קענען אויסהאלטן.

וויבאלד אז די 'לבנה' - די 'תלמידים' - ווערן געוואויר פונעם רבי'ן, אז דער עיקר עבודה איז ווינטער מערער, אין די גרויסע נעכט ווען עס איז קאלט, וואו מען גיבט זיך א ריר איז דאך קאלט, אין מקוה איז קאלט, אין שול איז אויך קאלט, און אין שטוב איז קאלט.

און דער צדיק זאגט זיי אז ער וועט זיי מאכן א 'מלבוש'; אזא מין זאך אז זיי זאלן קענען אויסהאלטן די עבודה וואס זיי דארפן טוהן, אז זיי זאלן דאס קענען אויסהאלטן - מוז ער זיי מאכן א מלבוש.

נו, אבער דער מלבוש וואס דער צדיק מאכט זיי - עס שטייט טאקע אין חיי מוהר"ן - אז ער דארף האבן א מלבוש שענקט ער איהם.[כ]

ער גיבט זיי אזעלכע כוחות, אזוי ווי א מענטש וואס עס איז אים קאלט און מען דעקט אים איין - ווערט אים ווארעם, דאס אייגענע - דער צדיק גיבט זיינע נייע מקורבים וואס זיי דארפן גיין אין די "עבודות" - גיבט ער אים אזעלכע כוחות וואס ווארעמט אים, אזוי ווי א 'מלבוש'!

❖

## 'אי אפשר לכוון מדתה'...

אבער אז מען מאכט איינעם א 'מלבוש', (געוויינטליך) א מלבוש איז דאך א מלבוש אויף 'כסדר', אבער דא - דער מלבוש וואס דער צדיק גיבט אים - דאס קען נישט זיין קיין 'גלייכער מלבוש', ווארום אין איין טאג קען ער האבן עטליכע 'ירידות' און עטליכע 'עליות'!

אט דארף ער האבן "התחזקות" - דארף ער האבן אזא מלבוש פון "התחזקות", אט דארף ער האבן "התעוררות" - דארף ער האבן א מלבוש פון "התעוררות", איז

[כ] רצ"ל בחיי מוהר"ן אות פ"ה, במעשה 'אורח נכנס לבעל הבית', מבואר שם שהצדיק - 'האורח' - נותן מלבוש לה'בעל הבית', היינו המתקרב אליו, עיי"ש כל הענין.

ווי קען ער אים געבן אזא מין מלבוש אז עס זאל זיין אויף כסדר? אט איז ער גרוים - אט איז ער קליין!

איז דייקא די 'גרויסע' קענען נישט! זיי זאגן זיך אפ! נאר די 'קליינע'; די קליינע הייסט ביים רבי'ן "תמימות ופשיטות", דאס הייסט ביים רבי'ן 'קליין'!

די 'גרויסע' מיט די 'גרויסע עבודות' קענען טאקע נישט! בפרט טאקע אסאך מענטשן האבן זיי גארנישט מקרב געווען, די אנדערע צדיקים האבן גארנישט מקרב געווען די מענטשן![כח] וואס קען מען דען מיט אים טוהן? דא איז ער 'אזוי' - דא איז ער 'אזוי'?!

אבער די 'קלענערע' טאקע - די וועג פון 'תמימות ופשיטות' איז אלעמען מקרב! ער קען אים ווארעמען, ער קען אים געבן; סיי ווען ער דארף האבן התחזקות - זאל ער אים געבן א מלבוש פון התחזקות, און דא - וועט ער האבן א מלבוש פון התעוררות.

ביי רבי נתן'ען איז געווען טאקע 'דער גרויסער שבועות', מען איז געקומען צו ר' נתן'ען, האט ר' נתן געזאגט טאקע - ער איז ארום געגאנגען זייער זייער (פארזארגט) - האט ער געזאגט: **"עס קומען מענטשן צו פארן, דער דארף האבן 'התחזקות', דער דארף האבן 'התעוררות', טאמער וועט מען אים איבערבייטן טויג עס נישט!".**

א 'מלבוש' הייסט - אז איך דעק אים איין, אז ס'זאל אים קענען זיין גוט, אזוי ווי 'בגשמיות' - אז איינעם איז אים קאלט, קען ער נישט רירן זיך; איר האט נאך נישט פארזוכט וואס הייסט א 'רוסישע קעלט', די מקוה איז קאלט, און אין שטוב איז קאלט, אין שול איז קאלט, מען קען זיך קיינמאל נישט אנווארעמען זיך, און אביסל ווארעמע עסן איז אויך נישטא, איז דער מענטש ליגט כסדר אין די קעלט!

מוז ער האבן אזא מין 'רוחניות' וואס דאס זאל אים ווארעמען, אז דאס זאל זיין 'זיין ווארעמקייט', דאס זאל זיין זיין 'אויוון', ס'זאל אים ווארעמען! איז דער צדיק גיבט טאקע אזא מין זאך.

---

[כח] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות ט"ז.

און דייקא דער 'גדול' קען נישט... אבער די וועג פון 'תמימות ופשיטות' - ער קען דיר מאכן א מלבוש, און אלע צייטן קען ער האבן א מלבוש - די וועג פונעם רבי'ן.[כט]

עס קען זיין אז און 'איין טאג' זאל ער דארפן בייטן אלעמאל דעם מלבוש, און 'איין טאג'!

❖

## 'זה בחמלת ה' עליו'!

א מענטש - אז דער אויבערשטער העלפט אים - ער שטעלט זיך דאוונען, אבער ער קען נישט דאוונען; דער רבי זאגט דארטן אין די תורה ד' אז "אכלה טינא באוסיא"[ל] - א "שרץ קטן" איז אריינגעגאנגען אין דעם 'חוטם', זאגט דער רבי דארטן א 'שרץ קטן' - א 'קליינע מחשבה' קומט אריין אינמיטן דאוונען, און לאזט אים נישט דאוונען, דער 'חוטם' איז דאך 'תפילה'.

איז גיבט אים דער צדיק דארטן עצות וואס ער זאל טוהן, שוין, בשעת ער קען נישט דאוונען גיבט ער אים אן עצה און ער הויבט אן דאוונען! אז ער הויבט אן דאוונען ווערט אים שוין אביסל 'ווארעמער'!

אבער אז ער הויבט שוין אן דאוונען, קען ער שוין אריינפאלן אין א 'גאוה', און ער זאל מיינען אז דאס וואס ער דאוונט איז זיין אייגענער כח! און באמת איז דאס גארנישט זיינע כוחות, ער איז גארנישט ראוי צו אזא מין דאוונען אויך, נאר וואס

---

[כט] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות ו': כִּי הַצַּדִּיק עַל-יְדֵי שֶׁמֵּאִיר הַדַּעַת בְּתַלְמִידָיו, בִּבְחִינַת מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מָלֵא כְבוֹדוֹ בְּכָל הָאָרֶץ, אֲפִלּוּ בְּמַדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת מְאֹד מְאֹד, עַל-יְדֵי-זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת 'וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ', שֶׁמֵּאִיר דַּעַת כָּזֶה בְּתַלְמִידָיו, עַד שֶׁהֵם מַעֲמִידִים תַּלְמִידִים אֲחֵרִים ... כִּי הַצַּדִּיק מֵאִיר דַּעַת אֲמִתִּי וְנִפְלָא כָּזֶה עַד שֶׁכָּל מִי שֶׁזּוֹכֶה לְקַבֵּל הֶאָרָה מִדַּעְתּוֹ יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְהָאִיר יוֹתֵר לַחֲבֵרָיו וְתַלְמִידָיו, אֲפִלּוּ אִם הוּא בְּעַצְמוֹ קָטָן בְּמַעֲלָה מְאֹד ... וּכְמוֹ שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל לְאֵיזֶה אִישׁ פָּשׁוּט מְאֹד, שֶׁגַּם הוּא יָכוֹל לְעוֹרֵר בְּנֵי אָדָם, אֲפִלּוּ הַגְּדוֹלִים מִמֶּנּוּ מְאֹד, לְעוֹרְרָם לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, וְאָמַר לוֹ, הֲלֹא עֵץ קָטָן שֶׁקּוֹרִין שְׁפֶּענְדִילִי יָכוֹל לְהַדְלִיק עֵץ גָּדוֹל.

[ל] שם בסוף התו': הַהוּא כַּוְרָא דְּיַתְבָא לֵיהּ אָכְלָה טִינָא בְּאוּסְיֵהּ וכו', (רַשְׁבַּ"ם: כַּוְרָא - דָּג. אָכְלָא טִינָא - שֶׁרֶץ קָטָן. בְּאוּסְיֵהּ - בִּנְחִירָיו שֶׁל דָּג נִכְנַס הַשֶּׁרֶץ) וכו', פֵּרוּשׁ וכו', דְּיַתְבֵי לֵיהּ אָכְלָא טִינָא בִּנְחִירָיו - זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ". שֶׁנִּתְעָרֵב שֶׁרֶץ, הַיְנוּ טֻמְאָה, בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ וּבִלְבֵּל אוֹתוֹ, וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה. מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה? עָשָׂה שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק וּנְתִינַת הַצְּדָקָה וּוִדּוּי דְּבָרִים וכו'.

**דען - דער צדיק שענקט אים! אז דער צדיק ווייסט אז ער מיינט ערנסט, ער וויל טאקע דאווענען, שענקט ער אים! ער שענקט אים א גוטער געדאנק![לא]**

**הויבט ער אן דאווענען, איז ער שוין ווייטער אין א סכנה אז ער זאל נישט ארייגפאלן אין קיין 'גאוה',[לב] ער זאל מיינען אז דאס איז מיין קענטענים, 'איך'! אה, ער פארגעסט אז "דו אליין - דו קענסט טאקע נישט דאווענען, נאר דער צדיק שענקט דיר עפעס א לעכטיגקייט אז דו זאלסט קענען רעדן עטליכע ווערטער צום אויבערשטן!".**

**ווערט ער נתלהב - דארף מען אים שוין געבן אן אנדער מלבוש, אים ווייזן: "ניין, געדענק אז דאס איז נישט דיינס! מאך דיר נישט נאריש, דאס איז נישט דיינס! מען האט דיך געשאנקען עטליכע ווערטער אז דו זאלסט קענען רעדן! דו דארפסט געדענקען!".**

❖

[לא] עי' תו' ד' שם אות ט': וְזֶה בְּכָל פַּעַם שֶׁבָּא אֵצֶל תַּלְמִיד חָכָם וּמְסַפֵּר לְפָנָיו כָּל לִבּוֹ, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת משֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא". וְעַל יְדֵי זֶה אַתָּה נִכְלָל בָּאֵין סוֹף ... וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים נִתְלַהֵב אָדָם בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה וְאוֹמֵר כַּמָּה תֵּבוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, זֶה בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו... ועי' ליקוטי הלכות הל' פו"ר ה' אות ה': כִּי הַצַּדִּיק עוֹסֵק בְּעֹצֶם כֹּחוֹ לְהַעֲלוֹת גַּם מְעַט הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּבוֹת שֶׁאָמְרוּ בִּקְצָת כַּוָּנָה מוּעֶטֶת בִּתְפִלָּתָם, וְגַם עוֹסֵק לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם מִשְּׁנָתָם הָעֲצוּמָה שֶׁיִּפְתְּחוּ פִּיהֶם וְלִבָּם, וְיִתְגַּבְּרוּ בְּכָל כֹּחָם לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה תֵּבוֹת וּפְסוּקִים וּמִזְמוֹרִים וְכוּ' רַבִּים בְּיוֹתֵר בְּכַמּוּת וְאֵיכוּת, שֶׁאֵיכוּת הַכַּוָּנָה תִּהְיֶה בְּיֶתֶר שְׂאֵת, וְכַמּוּת הַתֵּבוֹת וְהָאוֹתִיּוֹת יִהְיֶה רַבִּים בְּיוֹתֵר, כִּי לְהִתְפַּלֵּל כָּל הַתְּפִלָּה בְּכַוָּנָה זֶה רָחוֹק מְאֹד אֲפִלּוּ מֵהַכְּשֵׁרִים הַגְּמוּרִים הַיְרֵאִים בֶּאֱמֶת כִּי אִם צַדִּיקִים גְּמוּרִים הַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה מְאֹד, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ בְּמָקוֹם אַחֵר, אֲבָל עַל כָּל פָּנִים הַמְקֻשָּׁרִים לְהַצַּדִּיק מִתְפַּלְּלִים תֵּבוֹת וְכוּ' הַרְבֵּה בְּיוֹתֵר וּבְכַוָּנָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר וּבְחִיּוּת וְהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת דִּקְדֻשָּׁה וְכוּ', וְעִם כָּל זֶה לֹא הָיָה כֹּחַ לִתְפִלָּתָם שֶׁתַּעֲלֶה לְמַעְלָה כִּי אִם בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁמְּקֻשָּׁרִים אֵלָיו, שֶׁבְּעֹצֶם כֹּחוֹ הֵם מִתְפַּלְּלִים בְּכַוָּנָה מַה שֶּׁמִּתְפַּלְּלִים וּבְעֹצֶם כֹּחוֹ הוּא מַעֲלֶה תְּפִלָּתָם הַשָּׁמַיְמָה לְרוּם גָּבְהֵי מְרוֹמִים...

[לב] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר א' אות י"ב: ...וְזֶה בְּחִינַת 'מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים' ... כִּי מִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה צָרִיךְ דַּיְקָא לִמְצֹא זְכוּת בְּעַצְמוֹ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִפּוֹל לְגַמְרֵי ח"ו, וְעִקַּר טָהֳרָתוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא כַּנַּ"ל, אֲבָל מִי הוּא טָהוֹר כְּשֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בְּמַדְרֵגַת הַטּוֹב בְּוַדַּאי נִפְגָּם עַל יְדֵי זֶה, כִּי יִפּוֹל לְגַדְלוּת ח"ו, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: 'אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אוֹמְרִים לְךָ צַדִּיק אַתָּה, הֱיֵה בְעֵינֶיךָ כְּרָשָׁע'! ועי' ליקוטי הלכות הל' שילוח הקן הלכה ה' ענין "שלום לרחוק ולקרוב".

דער ענין פון די 'שש זכירות' וואס מיר זאגן אלע טאג, איז דא אז "דו זאלסט געדענקען אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן" - "זכור אל תשכח את אשר הקצפת" וכו', דו זאלסט געדענקען!

וויטער איז דא - "געדענק אז דו ביסט געשטאנען ביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה" - דאס איז א התחזקות!

דו דארפסט געדענקען אז דו ביסט געווען ביים בארג סיני, און מקבל געווען די תורה, און געזאגט 'נעשה ונשמע'! איך האב גענומען די תורה! און וויטער - דאס טאר מען נישט פארגעסן - "דו האסט געמאכט אן עגל, פארגעס נישט!".

און דאס דארף זיך א מענטש ווארפן זיך אין אלע צייטן, בשעת דער 'בעל דבר' וויל אים אראפווארפן, ער וויל אים מאכן פאר גארנישט, איז "ניין! איך האב מקבל געווען די תורה, איך בין געווען אויפ'ן בארג סיני, איך האב געזאגט נעשה ונשמע!".

וויל ער אים אריין ווארפן אין א 'גאוה' - "אוי, מיר האבן דאך אבער געמאכט אן 'עגל'!".

אין אלע צייטן דארף מען זיך ווארפן, צו יעדע צייט איז דא אן אנדער 'מלבוש', דא דארף איך האבן א מלבוש וואס עס זאל אים וויזן 'התחזקות', מיר האבן מקבל געווען די תורה, מיר האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', און אזוי דארף מען האבן א מלבוש וויטער אז מען זאל נישט אריין פאלן אין קיין 'גאוה'!

דאס איז א "גרויסער מלבוש" און א "קלענערער מלבוש"!

❖

# 'החייטים הקטנים יכוונו מדתה'...

און דייקא די קלענערע 'חייטים' האבן געקענט מכוון זיין מדתה! - פלעגט מען זאגן תמיד - "דאס איז דער וועג פון 'תמימות ופשיטות'"!

דער גרויסער 'חייט', ער גייט מיט די 'גרויסע וועג', קען ער אמאל אויך מרחק זיין א מענטש דערפון![לג]

---

[לג] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות י"ד - י"ח. והל' רבית ה' אות כ'.

ביים רבי'ן איז אבער דא עפעס אזא מין סארט: די וועג פונעם רבי'ן איז אויך דא 'גדלות'ן' - און עס איז דא 'קלענערע'![לד]

די וועג פון 'תמימות' - פון אויבן אויף 'תמימות ופשיטות' איז 'פראסטיק', א 'פראסטע' זאך, און דייקא דער פראסטיק קען געפינען א מלבוש פאר יעדן, וואס ער דארף אלעמאל בייטן זיך דער מלבוש, א קלענערן - א גרעסערן, ער קען פאר אים געפינען א מלבוש! פארוואס? ווייל די 'תמימות' גייט אין אלע צייטן!

דאס איז 'תמימות ופשיטות'! די תמימות לאזט אים נישט אז ער זאל אראפפאלן ביי זיך, און לאזט אים נישט אויפהויבן זיך ווייטער, 'צופיל' הויב דיך נישט אויף! (להתגאות).

❖

# 'בקי בעייל - בקי בנפיק'

דאס איז טאקע 'אלול', דאס טאקע דארף מען 'אלול', דאס ווייסן אלע - "**אני לדודי ודודי לי**", דאס איז 'אלול', ס'מאכט דאך (ראשי תיבות) 'אלול'.

אבער דער רבי זאגט דאך אנדערש,[לה] אז דאס איז צוויי וועגן אין אידישקייט! עס איז דא א וועג וואס ס'איז 'אני לדודי' - איך גיי צום אויבערשטן - א וועג פון 'בקי בעייל', א וועג אז ער גייט צום אויבערשטן, דארף ער אויך האבן א 'בקיאות'; "דו זאלסט נישט מיינען אז דו ביסט שוין פארטיג"! מען זאל מיינען אז דו גייסט צום אויבערשטן ביסטו שוין פארטיג! א געוואלדיגע 'בקיאות' דארף מען דארטן האבן, וויסן אז ער איז נאך גאנץ ווייט!

און אמאל איז דא - אז דער אויבערשטער גייט צו מיר! אז איך בין זייער קראנק, איך בין זייער שלאַף, איך בין אראפגעפאלן, קומט ער צו מיר און איז מיר מחזק, יא![לו]

---

[לד] עי' תו' ס"ח תניינא: עִקַּר שְׁלֵמוּת הַצַּדִּיק – שֶׁיּוּכַל לִהְיוֹת לְמַעְלָה וּלְמַטָּה, שֶׁיִּהְיֶה יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְמִי שֶׁהוּא לְמַעְלָה וְנִדְמֶה בְּדַעְתּוֹ שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה, יִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ שֶׁהוּא הַהֵפֶךְ. וְכֵן לְהֵפֶךְ, לְמִי שֶׁהוּא לְמַטָּה מְאֹד בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה, בְּתוֹךְ הָאָרֶץ מַמָּשׁ, יִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ שֶׁאַדְּרַבָּא, הוּא סָמוּךְ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[לה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ד', ושם בסוף התו'.

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות י"ד, ענין "ביקור חולים".

דאס איז צוויי וועגן אין אידישקייט! דער רבי ברענגט דעם זוהר[לז] - "זכאה מאן דעייל ונפיק", 'בקי בעייל' איז פשט אז 'ער' גייט צום אויבערשטן, 'אני לדודי', דארט דארף אויך זיין א 'בקיאות'!

'בקי' איז א שם 'יב"ק', בפשיטות זאגט דער רבי דארטן אז 'בקי' איז - אז מען דארף האבן א 'בקיאות', און 'בק"י' איז טאקע א 'שם יב"ק'! טאקע א 'שם יב"ק' - האבן א געוואלדיגע בקיאות!

עס קען זיין אין איינמאל, א מענטש ווערט דערוועקט עפעס צום אויבערשטן, איז עס 'אני לדודי' - דעמאלט גיי איך צום אויבערשטן, נאר "פארגעס נישט, מיין נשמה אז דו ביסט עפעס!".

אמאל אז ער פאלט אראפ, קומט דער אויבערשטער צו מיר ווייטער, און ער איז מיר מחזק, 'ודודי לי'!

איז דאס 'צוויי וועגן' אין אידישקייט!

❖

אה, דער אמת'ער צדיק - ער האט טאקע א געוואלדיגע זאך, ער דארף ארבעטן מיט אלע מענטשן!

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "צו מיר ווערן מקורב מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג"[לח] - זיי דארפן האבן אן אנדערן 'לבוש'.

און עס איז דא ביי אים מענטשן: "וואו עפעס רעכטס איז מחויב צו מיר מקורב ווערן"[לט] - דארפן שוין אויך האבן א אנדערן לבוש, דאס איז ביי דעם אנדער סארט מענטשן.

אבער ביי 'איין מענטש אליין' קען זיין דאס דאזיגע, אז דער מענטש אליין - א מענטש וואס וויל תמיד זיין מיט'ן אויבערשטן, דארף ער האבן א 'בקיאות', אלע טאג ווארפט ער זיך, 'אזוי', 'אזוי', 'אזוי'...

---

[לז] עי' זוהר פרשת ויקהל דף רי"ג ע"ב, ועוד.

[לח] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

[לט] עי' חיי מוהר"ן אות רפ"ו.

מוז ער האבן "ואני תמיד עמך"[מ] - איך בין תמיד מיט דיר! אזוי זאגט דוד המלך. וואס הייסט 'איך בין תמיד מיט דיר'? אט איז ער געווען - דוד המלך - אט האט ער געהאט אזעלכע 'ירידות', מען האט אים אראפגעווארפן, 'כפשע ביני לבין המות',[מא] 'לאמר לך עבוד אלהים אחרים',[מב] געוואלדיגע זאכן איז אויף אים איבערגעגאנגען!

די גמרא זאגט,[מג] ער איז אנטלאפן קיין חוץ לארץ, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה, 'לאמר לך עבוד אלהים אחרים', אזעלכע ירידות האט ער געהאט אין זיך!

דארף מען זיך האלטן אין אלע צייטן!

אוןביים צדיק איז דא - אין אלע צייטן איז דא ביי אים צוגעגרייט שוין א וועג אויף צו האלטן זיך!

דער מענטש דארף זיך גוט באטראכטן זיך, ער דארף נישט פארגעסן, זיין ערך דארף ער תמיד געדענקען 'ווער איך בין', "איך אליין מצד עצמי ממש גארנישט, מצד עצמי קען איך נישט עפענען דאס מויל, רעדן אפילו א ווארט!".

❖

## 'אם יזכה שירגיש כאב חטאיו'...

דער רבי ברענגט טאקע אין די תורה פון אלול (תו' קמ"א), **"אם יזכה שירגיש באמת כאב חטאיו"** - טאקע תפילה פ"ה איז אויף די תורה. זאגט דער רבי טאקע 'אם יזכה' - מען דארף האבן א 'זכיה' מען זאל פילן באמת דעם 'כאב חטאיו', מען בעט דעם אויבערשטן מען זאל האבן א זכיה!

ר' נתן זאגט אין דער תפילה: "איך וועל זאגן, אלף פעמים אוי לי וי לי, עדיין איני מרגיש כלל"! איך פיל גארנישט, מען דארף האבן א זכיה אז מען זאל פילן באמת דעם 'כאב חטאיו'!

---

[מ] תהלים ע"ג כ"ג.

[מא] שמואל-א' כ' ג', ועי' ליקוטי הלכות ברכות השחר ג' אות ד', ושם הלכה ה' אות ג'.

[מב] שמואל-א' כ"ו י"ט.

[מג] כתובות דף ק"י ע"ב.

'כאב חטאיו' מוז נישט זיין חלילה א חטא ממש, אמאל מען ווערט נכשל מיט א 'קוק', מען ווערט נכשל מיט א 'מחשבה', מיט א 'דיבור'! אז מען זאל פילן דעם 'כאב' אז דאס איז אויך א 'חטא' - דארף מען האבן א 'זכיה', דארף מען האבן א 'זכיה'!

"עבר ושנה נעשה לו כהיתר", די אויגן זענען נישט אפגעהיטן, דער מח טראכט וואס ער טראכט, די מויל רעדט וואס זי רעדט, און ער פילט גארנישט אז דאס איז א חטא, "וואספארא חטא האב איך דא געטוהן? וואס האב איך שוין געטוהן?!" דארף מען האבן א זכיה!

פארוואס זאגט נישט דער רבי: "אם יזכה אז ער זאל 'פאררעכטן' דעם חטא"? ווייל דאס וועט ממילא זיין אזוי! אויב ער וועט האבן א זכיה ער זאל פילן דעם 'כאב חטאיו' - וועט ער שוין פאררעכטן! אז מען פילט אז מען איז קראנק זוכט מען א רפואה, נאר ער ווייסט נישט אז דאס איז א קראנקייט! ער ווייסט נישט אז דאס איז אויך א קראנקייט![מד]

❖

## 'עי"ן פנים לתורה'

דער רבי זאגט אין תורה ל"ו, דערפאר דאס אויג הייסט "עין", עי"ן איז טייטש 'זיבעציג', זאגט דער רבי דארטן: "אלע עי"ן מדות רעות ליגן אין די אויגן"![מה]

אז די אויגן זענען חלילה פוגם בפגם הברית, ליגן דארטן אלע 'עי"ן מדות רעות', דערפאר הייסט די אויגן 'זיבעציג'!

אין די אויגן ליגט 'עי"ן פנים לתורה' - און חלילה פארקערט.

---

[מד] עי' נחת השולחן להרב מטשעהרין זצ"ל סי' תל"א: וזה שמברכין אז על ביעור חמץ, כי הבדיקה הוא תחילת הביעור, כי עיקר התגברות הסט"א הוא לסמות עיני האדם שלא להתבונן כלל על דרכיו בבחינת לא יחפוץ כסיל בתבונה וכו', אבל תיכף שמעורר כח והארת הנשמה הק' ומתחיל לפשפש במעשיו ולהתבונן על דרכיו אזי הבא לטהר מסייעין לו ומעט מן האור דוחה הרבה מן החושך והבדיקה בעצמה כבר הוא התחלת הביעור.

[מה] עיי"ש אות ב'.

עס איז א געוואלד די 'אויג', וואס די 'אויג' איז, די אויג איז א געוואלד! כאפן א קוק עפעס אינדערזייט - עס ווערט שוין נפגם די תורה ותפילה! עס ווערט שוין איינגעדרייט און עס איז שוין נישט דער וואס פריער![מו]

דעם 'געדאנק' - צוהאלטן דעם געדאנק! צוהאלטן דעם 'דיבור', דעם 'דיבור'!

יעצט לערנט מען תורה ע', זאגט דער רבי - אז די דיבורים ווערן א 'כח המכריח'! עס שלעפט אוועק פונעם צדיק - פון דעם 'כח המושך', דאס איז דורך די 'דיבורים', דער 'כח המכריח' איז דורכ'ן 'דיבור', דער דיבור שלעפט אוועק, דער דיבור![מז]

(חסר הסוף)

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **אפרים**<br>**גערליץ** הי"ו<br>לייקוואוד יצ"ו<br>**לרגל היכנס בנו לעול התורה והמצוות למזל טוב** | מוה"ר **מנחם**<br>**פירטה** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **יעקב משולם**<br>**גרינפעלד** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | לעילוי נשמת מרת<br>**רוחמה שרה** ע"ה<br>ב"ר **יצחק** הי"ו<br>י"ב שבט תשע"ט<br>תנצב"ה |

[מו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ח, ענין 'כחלינהו לעיניה'.

[מז] וז"ל שם: וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל, אַךְ עַל־יְדֵי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ. הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁעַל־יְדֵי דִּבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם הֵם מַכְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַּדִּיק הַנַּ"ל, וּלְפִי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ כֵּן מַרְחִיק מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל.